**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 2/16/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט קענעביס קאנטראל באורד, באשטעטיגט איבער 100 לייסענסעס און ערשטע לייסענסינג פענסטער אן קיין באדינגונגען**

***מיט 70 ערוואקסענע-באנוץ דראג-געשעפטן, האט ניו יארק כמעט געטריפלט די נומער זייט דעצעמבער מיט נאך 25 CAURD וועלכע האבן באקומען זייערע ענדגילטיגע לייסענסעס און וועלן זיך עפענען אין די קומענדיגע וואכן***

***NYS קענעביס קאנטראל באורד באשטעטיגט 109 לייסענסעס, אריינגערעכנט 38 נייע דראג געשעפטן לייסענסעס און ערשטע 26 מייקרא ביזנעס לייסענסעס***

***ניו יארק גייט אריבער $183 מיליאן סך הכל ערוואקסענע-באנוץ קענעביס פארקויפונג***

***קענעביס קאנטראל באורד באשטעטיגט ערוואקסענע-באנוץ היים ערציאונג רעגולאציעס, זיי פאראויס ברענגענדיג צו א 60-טאג פובליק קאמענטארן צייט אפשניט, און ערשטע קענעביס פארשונג לייסענסעס***

***קאנטראל באורד שטימט צו עפענען אפליקאציע פענסטער צו ערלויבן נאך סארט 3 פראצעסירער אפליקאציעס און צו ערלויבן פאר נאך ערציער און פראצעסירער מיט באדינגונגען צו ווייטער אריבערגיין צו לייסענסעס אן קיין באדינגונגען***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז די ניו יארק סטעיט קענעביס קאנטראל באורד האט געשטימט צו באשטעטיגן די ערשטע ערוואקסענע-באנוץ קענעביס לייסענסעס אן קיין באדינגונגען פאר ביזנעסלייט וועלכע האבן זיך איינגעגעבן דורכאויס די 2023 אפליקאציע פענסטער וואס האט זיך געעפענט אקטאבער 4. אלעס צוזאמען האט די CCB ארויסגעגעבן 109 לייסענסעס, מיט 38 פון זיי גייענדיג צו אפליקאנטן וואס זוכן צו עפענען א דראג געשעפט און נאך 26 גייענדיג צו אפליקאנטן וואס זוכן צו פירן א מייקרא ביזנעס לייסענס וואס ערלויבט פאר דעם לייסענסער צו פלאנצן, פראצעסירן, טיילן און פארקויפן, אלעס אונטער איין לייסענס.

"ערוואקסענע-באנוץ קענעביס איז א שטייגנדע אינדוסטרי אין ניו יארק וואס וועט העלפן לאקאלע עקאנאמיעס איבער די גאנצע סטעיט," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דאס באשטעטיגונג פון איבער 100 לייסענסעס איז א גוטע אנהויב פונקט און געבט פאר מענטשן די געלעגנהייט זיך איינצוגעבן פאר לייסענסעס וואס העלפן ארויפטרייבן לאקאלע עקאנאמיעס ארום זיי."

ניו יארק איז יעצט א היים פאר 70 ערוואקסענע-באנוץ קענעביס פארקויפער מיט א לייסענס: א געמיש פון CAURD לייסענסירטע מיט געשעפטן, CAURD לייסענסירטע וואס שטעלן צו דעליווערי סערוויסעס, און ערוואקסענע-באנוץ דראג געשעפטן וואס געפונען זיך צוזאמען מיט עקזיסטירנדע מעדיצין געשעפטן.

מיט דעם אז מען האט אראפגענומען א לעצטיגע געזעץ אין דעצעמבער, האט ניו יארק סטעיט כמעט געטריפלט די צאל פירנדע קענעביס פארקויפער אין די לעצטע צוויי מאנאטן.

OCM שאצט אפ אז עס וועט זיך עפענען נאך כאטש 25 ערוואקסענע-באנוץ דראג געשעפטן אין די קומענדיגע וואכן, איינמאל די אנפירערס פארענדיגן די לעצטע שריט וואס עס פעלט אויס צו אנהויבן פארקויפן קענעביס.

**ניו יארק'ס קענעביס קאנטראל באורד טשעיר טרעמעין רייט האט געזאגט,** "מיר ערווארטן א פילצאליגע וואוקס פאר ניו יארק'ס קענעביס אינדוסטרי אין 2024. בלויז אין די לעצטע זעקס וואכן, האבן מיר שוין מער ווי געדאפלט די צאל אפענע דראג געשעפטן איבער די סטעיט, און אין די קומענדיגע מאנאטן וועלן מיר מער ווי דאפלען צו צאל פון סך הכל לייסענעס ארויסגעגעבן אין די פארגאנגענע צוויי יאר. איך בלייב נתפעל פון די אויסערגעוועגליכע ביזנעסלייט איבער די גאנצע סטעיט וועלכע פירן די וועג פאר ניו יארק קענעביס."

**ניו יארק סטעיט אפיס פון קענעביס פארוואלטונג עקזעקיוטיוו דירעקטאר קריס אלעקסאנדער האט געזאגט,** "ניו יארק איז יעצט אין די פראצעדור פון ארויסגעבן איינע פון גרעסטע צאלן פון ערוואקסענע-באנוץ קענעביס לייסענסעס וואס א סטעיט האט נאר אמאל ארויסגעגעבן פון אן איינציגע אפליקאציע פענסטער. היינט זענען 109 לייסענסעס ארויסגעגעבן געווארן, און די צאל וועט זיך וייטער הייבן ביי שפעטערדיגע זיצונגען. פאר יעדע אפליקאנט וואס ווארט שוין צו באקומען א לייסענס, אדער וואס זארגט זיך אז זיי וועלן נישט ווערן אויסגעוועלט ביי דעם רונדע, זאג איך אן צו האבן געדולד. מיר בויען די מארקעט אין א דורכגעטראכטע און מסודר'דיגע וועג, און מיר ארבעטן צו פארמיידן שטרויכלונגען וואס מיר האבן שוין געזען פאראורזאכט פראבלעמען אין אנדערע מארקעטס וואס האבן דערנאך גאר שטארק געשאדט קלענערע ביזנעסער."

אפליקאנטן וואס זענען באשטעטיגט פאר די פארקויפונג און מייקרא ביזנעס לייסענסעס היינט זענען די וועלכע האבן אריינגעגעבן זייערע אפליקאציעס איידער די נאוועמבער 17 דעדליין און האבן א ספעציפישע לאקאציע אונטער זייער קאנטראל. נאך לייסענסעס פאר אפליקאנטן וועלכע האבן זיך איינגעגעבן איידער די נאוועמבער 17 דעדליין, און פאר אפליקאנטן וועלכע האבן זיך איינגעגעבן איידער די דעצעמבער 18 דעדליין, וועלן ארויסגעגעבן ווערן איינס נאכ'ן אנדערן באזיס ביי CCB זיצונגען איבער די קומענדיגע מאנאטן. די אפיס ערווארט אז א באדייטנדע צאל אפליקאציעס וועלן זיין גרייט פאר באורד באשטעטיגונג ביי שפעטערדיגע CCB זיצונגען. דרוקט דא צו לערנען מער איבער די אפליקאציע פענסטער וואס האט זיך געעפענט אקטאבער 4.

**געזעלשאפטליכע און עקאנאמישע גלייכקייט ערוואקסענע-באנוץ לייסענסינג**
נאכדעם וואס די אפיס האט רעקאמענדירט פאר'ן באורד די 109 ערוואקסענע-באנוץ לייסענסעס צו ווערן געטיילט ביים היינטיגן באורד זיצונג, האט עס איבערגעקוקט די צאמשטעל פון די לייסענסעס. די אפיס איז צופרידן צו באריכטן א גרויסע דערגרייכונג: צוויי דריטל (66 פראצענט) פון אלע לייסענסעס זענען געזעלשאפטליכע און עקאנאמישע גלייכקייט (Social and Economic Equity, SEE) געאייגנטע ביזנעסער. איין דריטל (35 פראצענט) זענען ביזנעסער געאייגנט דורך פרויען און נאך א דריטל (32 פראצענט) זענען ביזנעסער געאייגנט דורך מינאריטעטן. 10 פראצענט זענען ביזנעסער געאייגנט דורך מינאריטעט-פרויען. די פולע צונומענע ערקלערונג איז אויסגערעכנט אונטן.

ניו יארק האט יעצט געטריפלט די ערווארטענע נאציאנאלע ראטע פאר מינאריטעט און פרויען געאייגנטע דראג געשעפטן לייסענסעס אין די סטעיט'ס ערשטע רונדע פון ערוואקסענע-באנוץ לייסענסעס. אן אנאליז פון די צוזאמשטעל פון די היינטיגע ערוואקסענע-באנוץ דראג-געשעפטן לייסענסעס ווייזט אז א פולע 88 פראצענט זענען SEE-געאייגנטע ביזנעסער. 60 פראצענט זענען מינאריטעט-געאייגנטע ביזנעסער, 50

פראצענט זענען פרויען-געאייגנטע ביזנעסער, און 20 פראצענט זענען מינאריטעט-פרויען געאייגנטע ביזנעסער. די פריע אויסקום שטאפל פון פארשידנהייט פון אייגנטומערשאפט אין ניו יארק'ס פארקויפונג אינדוסטרי וועט האבן פאזיטיווע ווייטערדיגע רעזולטאטן פאר נאך אסאך יאר אין צייט וואס פארשידענע געאייגנטע קליינע קענעביס פירמעס זוכן וואו צו פארקויפן זייערע זאכן.

אלע SEE לייסענסעס הייִנט ארויסגעגעבן דורך די באורד, אויסער די וועלכע האבן זיך איינגעגעבן אלס עקסטערע פריאריטעט אדער קענעביס אויספאלג טרענירונג און מענטארשיפ גראדועטס, האבן דורכגעמאכט די זעלבע ליניע פראצעדור אן קיין רעכענונג אזוויי יעדע אנדערע אפליקאנט און האט נישט באקומען קיין איבריגע ווערד.

גייענדיג ווייטער, ערוואַרט די אפיס צו זען ענליכע SEE ראטעס איבער אלע לייסענסעס ארויסגעגעבן אין קיין באדינגונגען. עס איז געלונגען פאר די אפיס צו נאכקומען די קענעביס געזעץ'ס ציל פון 50 פראצענט SEE לייסענסעס דורך א דריי-שטאקיגע סטראטעגיע. ערשט, האט די אפיס דווקא אנטוויקלט אן אפליקאציע פראצעדור וואס איז געוועןצוגענגליך אבער איינפאך, ערלויבנדיג פילע מענטשן עס צו אויספולן אין בלויז אפאר שעה. דערנאך, האבן מיר געבעטן הילף פון איבער 60 קאמיוניטי-באזירטע ארגאניזאציעס, אקאדעמישע אנשטאלטן, נאן-פראפיטס, און געזעץ פירמעס, וועלכע האבן ארויסגעהאלפן איבער 800 מעגליכע SEE אפליקאנטן. צום לעצט, האט די אפיס געבויט ברייטע אוטריטש און עדיוקעישענאל באמיאונגען פארזיכערט אז קאמיוניטיס וועלכע האבן א העכערע פריאריטעט אונטער די קענעביס געזעץ זענען געמאלדן געווארן און געווען גרייט פאר די היסטארישע געלעגנהייט.

די באמיאונגען, אינאיינעם מיט די יושר'דיגע גורל סיסטעם, האט געפירט צו רעזולטאטן וועלכע האבן נאנט געפאסט מיט די הייִנטיגע דעמאגראפיקס פון ניו יארק סטעיט. די מערהייט פון די סטעיט'ס איינוואוינער זענען פרויען, מינאריטעטן, אדער ביידע, און א גרויסע טייל פון זיי וואוינען אין קאמיוניטיס וועלכע האבן א העכערע ראטע פון שוואכקייטן. די SEE פלאן, ארויסגעגעבן דורך די אפיס אין מאי 2023, האט פאראויס געזאגט אסאך פון די ארבעט מיט א גרונטליכע איבערקוק פון די שטרויכלונגען צו איינטריט און רעקאמענדאציעס צו פארמיידן צו איבערטון די פלוצלונגדיג פראבלעמען פון לעגאלע מארקעטס וואס זענען געקומען בעפאר ניו יארק.

| | אלע לייסענסעס | מייקרא ביזנעס | געשעפטן |
|---|---|---|---|
| **סך הכל געזעלשאפטליכע און עקאנאמישע גלייכקייט בארעכטיגט** | 66% | 60% | 88% |
| **מינאריטעט-געאייגנטע ביזנעסער** | 32% | 23% | 60% |
| **פרויען-געאייגנטע ביזנעסער** | 35% | 23% | 48% |
| **מינאריטעט-פרויען געאייגנטע ביזנעסער** | 10% | 5% | 20% |
| **עקסטערע פריאריטעט:** | 7% | 13% | 8% |
| **CDI** | 5% | 7% | 8% |
| **סערוויס-באגרעניצטע וועטעראן** | 7% | 13% | 5% |

**קענעביס אויספאלג טרענירונג און מענטארשיפ פראגראם**

צוויי יאר צוריק, האט גאווערנער האקול אונטערגעשריבן סענאט ביל S8084A, געבנדיג לייסענסעס מיט באדינגונגען פאר ניו יארק'ס העמפ פארמערס פאר די ערציאונג, פראצעסירונג, און טיילונג פון ערוואקסענע-באנוץ קענעביס פראדוקטן. אנערקענענדיג די נויט פאר ברייטערע בענעפיטן, האט די געזעץ אויך באפוילן צו אוועקשטעלן א מענטארשיפ און טרענירונג פראגראם צו פארשפרייטן די גרופע פון פארמערס און פראצעסירער וואס גרייטן זיך אנטייל צו נעמען אין ניו יארק'ס לעגאלע מארקעט. די

אפיס האט אנטוויקלט און אנגעהויבן די קענעביס אויספאלג טרענירונג און מענטארשיפ ( Cannabis Compliance Training & Mentorship, CCTM) פראגראם, וואס מאכט נאך אנגייענדע פארמער אפרענטיסשיפ פראגראמען.

היינט, האבן 15 גראדועטס באקומען די ערשטע ערוואקסענע-באנוץ מייקרא ביזנעס לייסענסעס אין ניו יארק סטעיט. 11 פון זיי זענען געווען בארעכטיגט פאר די פראגראם צוליב זייער ערפארונג מיט קענעביס ערציאונג און פראצעסירונג. זעקס זענען געגאנגען צו פרויען-געאייגנטע פארמס און פיר זענען געגאנגען צו סערוויס-באגרעניצטע וועטעראנען. מיט זייער אנקום אינעם מארקעט, טוט ניו יארק דערגרייכן א היסטארישע דערגרייכונג אלס דער ערשטע סטעיט אינעם לאנד צו געלונגען צו איינפירן א "לעגאסי צו לעגאל" ערוואקסענע-באנוץ לייסענסינג איניציאטיוו.

מיט 40 ערוואקסענע-באנוץ דראג-געשעפטן, האט ניו יארק כמעט געטריפלט די נומער פון אפענע דראג-געשעפטן זייט דעצעמבער מיט נאך 25 CUARD וועלכע האבן באקומען זייערע ענדגילטיגע לייסענס און וועלן זיך עפענען אין די קומענדיגע וואכן.

29 ניו יארק מוניציפאליטעטן וועלן יעצט האבן ערוואקסענע-באנוץ קענעביס דראג-געשעפטן. די פולע ליסטע פון ניו יארק'ס לייסענסד אפענע ערוואקסענע-באנוץ קענעביס פארקויפער קען מען געפונען [דא](#).

**ניו יארק גייט אריבער $183 מיליאן אין סך הכל ערוואקסענע באנוץ קענעביס פארקויפונג**
ביי די היינטיגע זיצונג, האט OCM מיטגעטיילט אז עס זענען געווען $183 מיליאן אין פארקויפונגען זייט ניו יארק'ס ערוואקסענע באנוץ קענעביס מארקעט האט זיך ערשט געעפענט. די מאנאט פון דעצעמבער איז געווען א הויכע פונקט פון פארקויפונגען אין 2023, מיט אזויפיל ווי איבער $27 מיליאן אין פארקויפונגען, א הויכפונקט פון שטארקע מאנאט-צו-מאנאט העכערונגען געזען אינעם צייט וואס נאך געשעפטן האבן זיך געעפענט איבער די גאנצע סטעיט. פון יענע סך הכל ציפער, איז $174 מיליאן אריינגעקומען פון פארקויפונגען אין געשעפטן, מיט נאך $9.2 מיליאן וואס איז אריינגעקומען פון פארקויפונגען ביי איינע פון ניו יארק'ס 60 קענעביס ערציער עפענונגס אווענטן.

**קענעביס קאנטראל באורד באשטעטיגט ערשטע קענעביס פארשונג לייסענעסעס**
די קענעביס קאנטראל באורד האט אויך היינט געשטימט צו באשטעטיגן די ערשטע צוויי קענעביס פארשונג לייסענסעס אין ניו יארק סטעיט. א קענעביס פארשונג לייסענס ערלויבט פאר איינהייטן צו פראדוצירן, פראצעסירן, איינקויפן און/אדער פארמאגן קענעביס פאר באגרעניצטע פארשונג צוועקן.

**ניו יארק סטעיט אפיס פון קענעביס פארוואלטונג דעפיוטי דירעקטאר פאר געזונטהייט און פארשונג נאקעשא אבעל האט געזאגט,** "עס איז זייער איבערראשנד צו זען ווי די קענעביס קאנטראל באורד געבט ארויס די ערשטע פארשונג לייסענסעס, העלפנדיג ניו יארק סטעיט פירן די פאלק אין קענעביס פארשונג און סייענס. די צוויי לייסענסעס וואס זענען היינט געגעבן געווארן גייען ביידע צו גרופעס וואס זענען אנטשלאסן צו פארשן וועגן צו פארבעסערן דאס ערציאונג פון קענעביס און העלפן ערציער אין ניו יארק און איבער די וועלט צו ארויסבאקומען דאס מערסטע מעגליך פון זייער קענעביס פראדוצירונג. מיר זענען זייער איבערראשט צו זען וואס די פארשונג, און אנדערע פארשונג פראיעקטן, וועלן פירן צו."

די לייסענסעס העלפן וויכטיגע פארשונג פון קענעביס, א געגנט פון פארשונג וואס איז שטארק באגרעניצט געווארן צוליב די הונדערט יאר וואס קענעביס איז געווען פארבאטן אין אמעריקא. פארשער, סייענטיסטן, דאקטוירים, ערציער, און אנדערע וועלן יעצט קענען שטודירן און זאמלען באווייז צו קענען בעסער פארשטיין די פילע מעגליכקייטן פון די קענעביס פלאנצונג און פירן צו נייע שטארקע ערפינדונגען. אפליקאציעס וועלן ווערן ארויסגעגעבן איינס נאכ'ן אנדערן. דרוקט [דא](#) צו לערנען מער איבער די פארשונג לייסענס און צו טרעפן די פארשונג לייסענס אפליקאציע.

**קאנטראל באורד באשטעטיגט ערוואקסענע-באנוצטע היים ערציאונג רעגולאציעס, זיי פאראויס ברענגענדיג צו א 60-טאג פובליק קאמענטארן צייט אפשניט**
ביי די היינטיגע זיצונג, האט די CCB געשטימט צו פאראויס ברענגען די פארגעשלאגענע רעגולאציעס פאר ערוואקסענע-באנוץ היים ערציאונג צו א 60-טאג פובליק קאמענטארן צייט אפשניט. די רעגולאציעס מאכן א ראם פאר ניו יארקער צו קענען זיכערהייט ערציען זייער אייגענע קענעביס פלאנצונגען אינדערהיים פאר זייער אייגענע פערזענליכע באנוץ.
אונטער די פארגעשלאגענע רעגולאציעס, וועלן ניו יארקער איבער 21 זיין אויטאריזירט צו:

- ערציען א מאקסימום פון דריי (3) ערוואקסענע און דריי (3) נישט-ערוואקסענע קענעביס פלאנצונגען פאר יעדע מענטש; אדער
- ערציען נישט מער פון זעקס (6) ערוואקסענע פלאנצונגען און זעקס (6) נישט-ערוואקסענע פלאנצונגען פאר יעדע פריוואטע וואוינונג;
- פארמאגן ביז פינף (5) פונט קענעביס בלומען וואס איז אפגעשניטן געווארן פון פלאנצונגען וועלכע זענען ערצויגן געווארן אין אדער ארום די הויפן פון דער מענטש'ס פריוואטע וואוינונג;
    - אדער די פארגלייכבארע וואג פון אזעלכע ערצויגענע קענעביס אין קענעביס קאנצענטרעיט;
    - אדער א געמיש פון ביידע קענעביס בלומען און די פארגלייכבארע וואג פון אזעלכע ערצויגענע קענעביס אין קענעביס קאנצענטרעיט;
- פראצעסירן קענעביס בלומען צו ווערן קענעביס קאנצענטרעיט אזוי לאנג ווי זיי נוצן נישט א פליסיגקייט אדער גאז, אויסער אלקאהאל, וואס האט א פלעשפונקט אונטער 100 דעגריז פאהרענהייטאון נוצט נישט סיי וועלכע אנדערע מיטלען וועלכע שטעלן אן איבריגע געפאר פון שאדן פאר מענטשן אדער פראפערטי.

צו לערנען מער איבער דעם פארשלאג, דרוקט דא צו זען די פריוויו וואס OCM האט מיטגעטיילט אין יאנואר.

**קאנטראל באורד שטימט צו עפענען אפליקאציע פענסטער צו ערלויבן נאך סארט 3 פראצעסירער אפליקאציעס און צו ערלויבן פאר נאך ערציער און פראצעסירער מיט באדינגונגען צו אריבערגיין צו לייסענסעס אן קיין באדינגונגען**
היינט, האט די CCB געשטימט צו עפענען אפליקאציע פענסטערס פאר אן אויסדערוועלטע גרופע פון אפליקאנטן. די סארט 3 פראצעסירער לייסענס, וואס ערלויבט פאר מאכן פירמעס און ארויפלייגן קלעבערס, איז א סארט לייסענס פאר וואס ניו יארק פלאנט צו ארויסגעבן אן אומבאגרעניצטע צאל לייסענסעס.

אויך, וועט די סטעיט אפענען אן אפליקאציע פענסטער פאר אנגייענדע ערוואקסענע באנוץ ערציער מיט באדינגונגען און ערוואקסענע באנוץ פראצעסירער מיט באדינגונגען וועלכע זענען אין "גוטע באציאונגען" מיט די אפיס צו אריבערגיין צו פערמענאנטע לייסענסעס אן קיין באדינגונגען. די אנפירערס, א טייל פון די פלאנצונג געלעגנהייט איניציאטיוו אנאנסירט דורך גאווערנער האקול אין 2022, האבן א דעדליין פון יוני 30, 2024, צו אריבערגיין צו מער א פערמענאנטע סארט לייסענס.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן